# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת **מטות** תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 442



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אין די אפהיטונג איז געוואנדן זיין כח

**"אִישׁ כִּי יִדֹּר נֶדֶר לַה' אוֹ הִשָּׁבַע שְׁבֻעָה לֶאְסֹר אִסָּר עַל נַפְשׁוֹ לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"** (ל ג)

**רבי חיים וויטאל** ברענגט אין נאמען פון **רבי שמעון טורנו** אז דער פסוק "כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה" לערנט אונז אז די דיבור פון א מענטש טוט אויף אין די עולמות העליונים; פון ווערטער פון תורה און מצוות ווערן באשאפן סנגורים, און פון ווערטער פון עבירות ווערן באשאפן מקטרגים. דעריבער איז דער מענטש אנגעווארנט "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ" - נישט פארשוועכן זיינע ווערטער מיט דברי חולין.

נאך זאגט **רבי בנימין ויטלי** פון די חכמי איטאליע: ווייל חכמים זאגן (פסיקתא זוטרתא כי תצא): "כל המאחר נדרו אין תפילתו מתקבלת", דעריבער ווארנט די תורה אז נאר דער וואס "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ" און וועט מקיים זיין זיינע נדרים, דעמאלטס "כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה" - וועט הקב"ה צוהערן זיין תפילה.

נאך זאגט דער **חיד"א**: דער וואס היט אפ נישט 'מחלל' זיין זיין מויל מיט דברים בטלים און כל שכן מיט דיבורים אסורים, איז פארזיכערט: "כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה" - נישט נאר זיין תפילה ווערט אנגענומען, נאר אויך 'היוצא מפיו' נישט בדרך תפילה ווערט אויך אנגענומען.

'ליקוטי תורה' עקב; 'חומת אנך' אות ב; 'מדבר קדמות' מערכת ד אות כא; 'גבול בנימין' ח"ג דרוש מד;

### שנאת חינם - איז דאס הארב'סטע

**"נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל עַמֶּיךָ"** (לא ב)

רש"י ערקלערט די סיבה וואס השי"ת האט באפוילן נקמה נעמען דווקא אין די מדינים און נישט אין די מואבים, כאטש די מדינים האבן נישט גענומען א ערנסטע טייל אין מאכן זינדיגן די אידן נאר זיי זענען געקומען העלפן די מואבים, ווייל אנדערשט פון די מואבים וואס האבן זיך דערשראקן, האבן די מדינים זיך אריינגעמישט אין א פרעמדע קריג.

**רבי דוב מאיר רובמאן** ראש ישיבת 'תפארת ישראל' אין חיפה לערנט ארויס פון דא א שטארקער דערהער איבער דער הארבקייט פון 'שנאת חינם'. די מואבים האבן אנגעהויבן די אקציעס קעגן די אידן און האבן גענומען אין דעם דער הויפט טייל, טראצדעם זענען זיי נישט געשטראפט געווארן דערפאר, נאר די מדינים וואס זענען נאכגעשלעפט געווארן נאך זיי צוליב זייער 'שנאת חינם' וואס איז געווען אין זייערע הערצער.

**רבי אביגדור מנקביץ** ראש ישיבת 'אור החיים' אין סלאבאדקא האט ארויסגעלערנט די הארבקייט פון דער שרעקליכער זינד פון דער נוסח התפילה וואס ווערט געזאגט ביי 'חזרת הש"ץ' אין די ימים הנוראים: "אבינו מלכנו, זכור רחמיך וכבוש כעסך, וכלה דבר וחרב ורעב ושבי ומשחית ועוון ומגפה ופגע רע וכל מחלה וכל תקלה וכל קטטה וכל מיני פורעניות וכל גזרה רעה **ושנאת חנם** מעלינו ומעל כל בני בריתך" - דא האבן מיר א סעריע בקשות וואס לויט דער סדר התפילה גייט עס פון די גרינסטע ביז צו די הארבסטע (ראה ב"ב ח ב), און וואס איז די לעצטע פון זיי? 'שנאת חינם'!

'זכרון מאיר' מאמר קפח

### די מצוות ווערן דערמאנט און די עבירות נישט

**"וַיֹּאמְרוּ אֶל מֹשֶׁה עֲבָדֶיךָ נָשְׂאוּ אֶת רֹאשׁ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר בְּיָדֵנוּ וְלֹא נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ"** (לא מט)

אין די אריינפיר צו תפילת 'זכרונות' פון מוסף אין ראש השנה זאגן מיר: "אתה זוכר מעשה עולם ופוקד כל יצורי קדם". לכאורה, די טייטש פון "פוקד" און "זוכר" איז די זעלבע, וואספארא פשט האט דאס דאפלען?

**רבי שלמה קלוגער** ערקלערט אז לויט רש"י'ס טייטש דא אז "וְלֹא נִפְקַד" איז טייטש "ולא נחסר", ווערט גוט אויסגעטייטש די תפילה: **"אתה זוכר** מעשה עולם" - די מצוות וואס מיר האבן פון אייביג אן געטון דאס רעכנסטו יא, און אקעגן דעם: **"ופוקד** [רעכנסט אראפ] כל יצורי קדם" - די עבירות וואס מיר האבן אמאל געטון רעכנסטו אראפ פון די חשבון. ווייל אנדערשט פון די מצוות וואס זענען אויף אייביג, ווערן די עבירות פארגעבן יעדע יאר אין יום הכיפורים, און מיר ווערן נישט גע'משפט נאר אויף די עבירות וואס מיר האבן געטון פון א יאר פריער אין יוה"כ ביז יעצט.

'חכמת התורה' עמ' קצו

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א 'ביזנעס' פון אמן

פון אינדערפרי ביז ביינאכט זענען מיר זוכה צו זיין ארומגענומען מיט ברכות; ברכות השבח, ברכות הנהנין און ברכות המצוות. 'מאה ברכות' און אפילו מער זענען מיר זוכה צו זאגן יעדן טאג, אבער נאך אלעס איז עס באגרעניצט... ווייל מער פון וואס מיר זענען אנגעזאגט געווארן צו זאגן די ברכות וואס מיר דארפן זאגן, זענען מיר אנגעווארנט נישט זאגן 'ברכות שאינן צריכות'. און די חכמים זאגן (ברכות לג א): "כל המברך ברכה שאינה צריכה, עובר משום: 'לא תשא את שם ה' אלקיך לשוא' (שמות כ ז)".

דאקעגן דעם, ענטפערן אמן האט נישט קיין באגרעניצונג; יעדער מענטש וואס וויל קען זאמלען אן א צאל אמן'ס אין לויף פון טאג, אויב ער וועט נאר זיין א 'שומר אמונים', ד.מ. ער זאל זיך משתדל זיין הערן ברכות פון אסאך מענטשן און ענטפערן נאך זיי אמן.

עס זעט אויס אז דער ענין איז אריינגערעכנט אין די ערשטע פראגע וואס דער מענטש וועט געפרעגט ווערן אין בית-דין של מעלה (שבת לא ב): "נשאת ונתת באמונה?" - האסט זיך באצויגן אויף ענטפערן 'אמן', וואס דאס איז דער יסוד אמונה, אזוי ווי דו האסט זיך באצויגן אויף דיינע געשעפטן???

א מענטש וואס איז זוכה נאך אויך דער וועלט פארשטיין אז יעדע 'אמן' איז אין אמת'ן א טייערע 'דימאנט', וועט זיך באציען צו דעם ווי א געהעריגע 'ביזנעס'; אין די ביזנעס וועלט איז אנגענומען דער כלל: "יש לו מנה - רוצה מאתיים", אויב אזוי, איז דאך זיכער אזוי ביי די ביזנעס פון אמן: א קלוגער 'ביזנעסמאן' וועט זיכער נישט צולאזן פאלירן אפילו איין 'אמן' פון אונטער זיינע הענט!

אין איינע פון די 'בני אמונים' צוזאמקומען, האט דער געשעצטער משגיח רבי דוב יפה אויפגעטרויטן מיט א דרשה, און אין זיינע ווערטער האט ער מיטגעטיילט דעם ציבור מיט א פשוטן דערהער אבער א שטארקער:

השי"ת האט באשאפן אונזער גשמיות'דיגער וועלט אזוי, אז וואס עס איז מער וויכטיג פארן מענטש, אלץ מער איז עס טרעפליך, דער אקסעדזשען (חמצן), וואס דער מענטש קען נישט לעבן איין מינוט אן דעם, איז אומבאגרעניצט. די וואסער און די אנדערע וויכטיגע עסנווארג טרעפט זיך פון זיי אסאך, א. א. וו..

ווייזט אויס, האט דער משגיח געזאגט, אז דער כלל איז אויך געזאגט געווארן אין די רוחניות'דיגער וועלט, וואס מער נויטיג דאס איז, אלץ מער איז עס פאראן. די מצוה פון ענטפערן 'אמן' וואס טרעפט זיך אפט לערנט אונז ווי גרויס איז איר וויכטיגקייט פאר די שלימות פון די נשמה.

איך וועל זיך ערלויבן צולייגן צו דעם, אז מען דארף אויך טראכטן איבער די גשמיות'דיגע סגולות פון יעדע 'אמן'. ווייל פון יעדע 'אמן' ווערט באשאפן א מלאך רחמים וואס היט אונז, און ווער איז גרייט צו מוותר זיין אפילו אויף איין אזא מלאך?!

**מיטן רוף "נשאת ונתת באמונה"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# 'תפילה, תפילה און נאר תפילה!

ר' יהודה איז געשטאנען אויף דעם פינסטערן און וויסטע גאס, די רענצל ליגט נעבן אים, און ער ווייסט נישט וואס צו טון פון גרויס זארג. ער קוקט אויף זיין זייגער און אויפן ליידיגן גאס אהין און צוריק און די פארצווייפלונג האט אנגעהויבן צו עסן אין אים... ער האט כמעט געטראכט זיך צוריק אויסדרייען, דאן האט ער זיך דערמאנט אין דזשעפרי.

דזשעפרי זיין פריינד פון לאנגע יארן צוריק האט ער נעכטן באגעגנט אויפן עראפלאן ווען ער האט געמאכט זיין וועג אהער. זייער א לאנגע תקופה האבן זיי זיך נישט געטראפן, און דזשעפרי, וואס נאך פון זיין יוגנט איז באקאנט געווען אלס א פלינקער, קלוגער און אונטערנעמונגער, האט אינצווישן מצליח געווען שטייגן אויף די הצלחה-שטאפלען, מיט זיין קלוגן טאלאנט אין ביזנעס האט ער מצליח געווען צו מאכן געשעפטן. ר' יהודה האט זיך געפריידט זיך צו טרעפן מיט אים, ער האט געהאפט אז אין דער צייט וואס זיי וועלן זיצן איינער נעבן צווייטן, וועט ער אים אויסזאגן עטליכע סודות פון זיין ערפארונג אין דער ביזנעס וועלט.

אבער, צו זיין גרויסע איבערראשונג, האט דזשעפרי גלייך ארויסגענומען פון זיין קעשענע א קליינע משניות און פון די מינוט וואס די פליגער האט זיך געהויבן האט ער אנגעהויבן צו לערנען אין דעם. ר' יהודה האט באלד געפילט א שעצונג געמישט מיט קנאה, אין הארצן איז ער אנטוישט געווארן פון דער געלעגנהייט וואס ער האט פארלוירן.

דער עראפלאן האט געלאנדעט. דזשעפרי האט אריינגעלייגט די משניות אין זיין טאשקע און ערשט דאן האט ער זיך אויסגעדרייט צו באגריסן זיין חבר; "וואס הערט זיך? יארן האבן מיר זיך נישט באגעגנט...". "יא", האט ר' יהודה געענטפערט, "דער אמת איז אז איך האב זיך זייער געפריידט דיך צו טרעפן, איך האב געהאפט צו קענען לערנען פון דיר געוויסע 'עצות' אויפן לעבן..."

אלס רעאקציע האט דזשעפרי זיך צושמייכלט: "עצות?! איך האב אינגאנצן איין 'עצה', און דאס איז: **ת פ י ל ה** ! תפילה, תפילה, און נאר תפילה! אלעס וואס איך דארף בעט איך. פאר יעדע אקציע וואס איך טו שטעל איך זיך אפ און איך רעד מיט השי"ת מיט מיין איינפאכע שפראך, איך בעט פון אים אויף יעדע קליינע זאך פונקט ווי אויף די גרויסע, אפילו אויף א פארקינג פלאץ... און איך זע וואונדער. און אזוי בין איך מחנך מיינע קינדער: דאוונט און בעט אויף יעדע זאך! בעט אלעס וואס אייך דארפן! אויך זיי זענען זוכה צו זען קלאר, מער ווי איינמאל, ווי השי"ת העלפט טאקע פאר די וואס בעטן פון אים באמת".

דזשעפרי האט גערעדט מיט א איינפלוס, און ווען ער האט געענדיגט דעם 'מאנאלאג' איז ער גלייך געלאפן צו זיין וועג, איבערלאזנדיג ר' יהודה'ן פארטראכט און באגייסטערט; הערן אזעלכע ווערטער פון אזא 'פשוטן מענטש', דער 'מענטש פון דער גרויסער וועלט', וואס זעט אין תפילה דעם סוד פון הצלחה - דאס איז זיכער א לעקציע וואס דרינגט אריין טיף.

יעצט, ווען ער איז געשטאנען פארטאגס אויף די ליידיגע גאס, ווארטנדיג אויפן דרייווער מיט וועמען ער האט פאראויס אפגעמאכט אים צו פירן צום לופטפעלד אויף די אינערליכע פלייט וואס וועט אים פירן צו זיין היימשטאט, א פלייט וואס ער האט פריער פלאנירט צו זיין אין דערהיים אין א פרי צייט צוליב א וויכטיגע סיבה, האט זיך פלוצלינג דערמאנט אין די 'סוד' פון דזשעפרי דער סוחר - "תפילה, תפילה און נאר תפילה!", און האט באלד פארשטאנען וואס ער האט צו טון.


די פארט פון פלי אין מיאמי

דער דרייווער האט זיך פארזוימט צו קומען, די גאס איז אינגאנצן ליידיג, אבער דער בורא עולם הערט און הערט זיך צו - האט ר' יהודה געוואוסט. פאר זיינע אויגן זענען ארויפגעשווימען די ווערטער פון של"ה הקדוש (מס' תמיד נר מצוה קכו): "יעדער יחיד איז מחויב דאווענען צו השם יתברך אויף וואס ער נויטיגט זיך, און זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיין פלייסיגקייט און שכל, 'כי במה נחשב', און 'עצת ה' היא תקום'. און אויף יעדע זאך, זאל ער דאווענען צו השם יתברך אלעס וואס די מויל קען זאגן. און נאכן דאווענען זאל ער עוסק זיין אין דער ענין, און זיך פארלאזן אויף השם יתברך, אז ער וועט אים העלפן".

ר' יהודה'ס מידע אויגן האבן ווי פון זיך אליינ'ס זיך געוואנדן צום הימל און זיינע ליפן האבן געמורמלט און געבעטן: "ה' היה עוזר לי!".

ער האט נאר פארענדיגט זיין תפילה און אט האט זיך אנגעצינדן א ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט. די טיר פון איינע פון די הייזער האט זיך געעפנט און פון דארט איז לאנגזאם ארויס אן עלטערער איד אנגעלאנט אויף זיין שטעקן. ר' יהודה האט זיך צו אים דערנענטערט, דער מענטש האט פארענדיגט אראפגיין די טרעפ און זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק.

"ר' איד", האט ר' יהודה זיך אנגערופן, "אפשר ווייסט איר פון א טעקסי סטאנציע, איך מוז דרינגנד אנקומען צום לופטפעלד".

"איך קען אזא סטאנציע, אבער איך האב נישט זייער נומער", האט דער אלטער געדולדיג געענטפערט, און נאך א ווײַלע האט ער צוגעגעבן: "איך בין יעצט אויפן וועג צום שול, און איך קען דיך מיטנעמען אין מיין אויטא צו דעם נאנטן טעקסי סטאנציע, וואו איר וועט זיכער געפינען א טעקסי...".

נו, אויב עס איז נאך פארהאן א עפעס א שאנס אז דאס וועט מיך העלפן אנקומען אין צייט צום לופטפעלד, לוינט זיך צו פרובירן... דער מענטש האט זיך אנגעשטרענגט גייענדיג צו זיין אויטא, און ר' יהודה האט זיך געפילט אומבאקוועם, ווען נישט די דרינגנדקייט וואלט ער נישט מטריח געווען...

דער מענטש האט פארבעטן ר' יהודה'ן צו זיצן נעבן אים, האט אנגעצינדן דעם מאטאר און אנגעהויבן גאלאפירן וואס האט אינגאנצן נישט געפאסט צו זיין עלטער און צושטאנד...

ר' יהודה האט אים געדאנקט אויף זיין גוט הארציגקייט, און געוואלט כאפן מיט אים א שמועס, אבער דער אלטער איז געווען קאנצענטרירט אין די וועג.

ר' יהודה האט געקוקט אויף זיין זייגער, די וועג איז געווען צו לאנג, וואו איז דער טעקסי סטאנציע? אבער פלוצלינג האט ער באמערקט אז זיי זענען אויף די הויפט שאסיי, יעצט האט ער פארשטאנען אז דער מענטש האט באשלאסן אים צו נעמען צו די לופטפעלד:

"איך גלייב נישט! דו נעמסט מיך ביז צום לופטפעלד? אזוי גאר?" האט ר' יהודה זיך צושריגן, אבער דער מענטש האט ווייטער געשוויגן.

ערשט ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צום לופטפעלד, האט דער אלטער געעפנט דאס מויל, געגעבן א שארפן בליק צו ר' יהודה: און וואס האט איר געטראכט? א איד שטייט ביינאכט אויף דער גאס, איילט זיך צו זיין היים און איך וועל שטיין אין דער זייט? איז דען נישט געבליבן אין מיר א שטיקל אידיש הארץ??"

דערנאך האט דער מענטש אראפגעלאזט זיין שטימע און מיר געזאגט: זאלסט וויסן, געווענליך בין איך שוין אין דער צייט אין בית המדרש, איך האב אסאך ארבעט... ענדיגן תהילים, לערנען דעם טעגליכן בלאט גמרא, קרבנות, ברכות השחר... אבער צוליב עפעס א סיבה בין איך היינט שפעט אויפגעשטאנען, איך בין אויפגעשטאנען פיר אזייגער אנשטאט דריי... עס זעט אויס אז פון הימל האט מען פאר מיר צוגעטיילט א אנדערע אויפגאבע".

דער מענטש האט ווידער זיך איינגעהילט אין זיין שטילקייט, און צוויי מינוט שפעטער האט ער אראפגעלאזט ר' יהודה'ן ביים אריינגאנג פון די לופטפעלד. ר' יהודה איז ארויף אויף דער עראפלאן נאך פאר די צייט, ווען זיינע ליפן האבן נישט אויפגעהערט צו מורמלען וואס ער האט זיך געלערנט יענע נאכט:

"תפילה, תפילה און נאר תפילה!"

'געהערט פון דער בעל המעשה'

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'מודים'

### די מקור פון די ברכה

נאך 'רצה' האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן די ברכה פון 'מודים' ווייל מיר טרעפן אין פסוק אז נאכן מקריב זיין א קרבן דארף מען לויבן ה', אזוי ווי עס שטייט (תהלים נ כג): "זובח תודה יכבדנני", און די ווערטער "זובח תודה" קען מען אזוי טייטשן: נאכן שחט'ן א קרבן דארף מען געבן א דאנק פאר ה' (מגילה יח א; רש"י שם ד"ה זובח. וראה ב"ח או"ח קכא).

דער בעל 'סדר היום' (סדר כוונת שמונה עשרה) ערקלערט אזוי די נאנטקייט פון די ברכות: אין מדרש ווערט געברענגט (אסת"ר י יא) אז אדריאנוס קיסר האט ארויסגעברענגט פאר רבי יהושע זיין וואונדער פון די שטארקייט וואס די אידן באווייזן אין גלות, טראץ וואס זיי זענען אין א בחי' פון "כבשה אחת בין שבעים זאבים". רבי יהושע האט אים געענטפערט אז דאס קומט נישט צוליב די כח פון כלל ישראל, נאר דורך די רחמנות פון דער באשעפער וואס באשיצט און ראטעוועט זיי פון זייערע נאכיעגער. דעריבער נאכן דערמאנען ביי 'רצה' אז מיר זענען פארטריבן געווארן פון א"י און די עבודה פון די קרבנות האט זיך אויפגעהערט, זאגט מען גלייך א לויב צו הקב"ה אויף די ניסים וואס ער טוט מיט אונז אין גלות, אונז צו ראטעווען פון אונזערע פיינט.

דער 'חרדים' (ט כג) שרייבט אז געדענקען די שטענדיגע חסדים פון ה' איז א מצות עשה מן התורה, אזוי ווי עס שטייט (דברים ח ב): "וזכרת את כל הדרך אשר הוליכך ה' אלקיך זה ארבעים שנה במדבר..."; אויב מיר זענען באפוילן געווארן געדענקען די חסדים וואס ה' האט געטון מיט אונזערע עלטערן אין מדבר, איז דאך זיכער אז אויף אונז ליגט א חוב געדענקען די פיל חסדים וואס ה' טוט מיט אונז בכל עת ובכל שעה.

### די באדייט פון די ברכה

השי"ת טוט מיט אונז שטענדיג חסדים און טובות אן קיין צאל. די אויפפירונג פון דער וועלט אין א נאטורליכן אופן פארבלענדט אונזערע אויגן פון אויפכאפן אלעס, אבער אן די כח פון השי"ת וואס געוועלטיגט אויף אלעס מיט השגחה פרטית, וואלטן מיר נישט געקענט טון קיין שום זאך, אויך נישט אזא פשוטע זאך ווי אטעמען. דעם פסוק (תהלים קנ ו): "כל הנשמה תהלל י- ה", דרש'ענען די חכמים (ב"ר יד ט): "על כל נשימה ונשימה שאדם נושם צריך לקלס לבורא". אין ליכט פון די ווערטער וואלט דער מענטש געדארפט דאנקען דעם באשעפער ממש יעדע מינוט, אבער וויבאלד דאס איז אוממעגליך, האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען די ברכה 'מודים' וואו מיר לויבן אין דעם אויף אסאך ניסים וואס דער באשעפער טוט מיט אונז יעדן טאג" ('תורת חיים' ב"ק טז א).

מיטן זאגן "ועל ניסיך שבכל יום **עמנו**" לויבן מיר אויף די אפענע ניסים פון ה', און מיר לייגן צו א לויב - "ועל נפלאותיך שבכל עת", ד.מ. די באהאלטענע ניסים, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קלו ד): "לעושה נפלאות גדולות לבדו", און די חכמים דרש'ענען (ילק"ש תהלים רמז תשנא) וואונדערליכע זאכן וואס נאר דער אויבערשטער ווייסט פון זיי ('שיח יצחק' בסידור 'אשי ישראל').

דער 'בית הלוי' ערקלערט, די געפיל אין אונזער אפהענגיקייט אין ה' יתברך, איז צוגעגלעכנט צו איינער וואס ווערט דערטרונקען אין ים, און זיין פריינד האט אים אויסגעשטרעקט די האנט אים ראטעווען. דעמאלט פילט ער אין זיין הארץ צו זיין רעטער סיי ליבשאפט געפילן - אויף דעם וואס ער ראטעוועט אים, און סיי געפילן פון שרעק - ציטערנדיג ער זאל אים נישט אפלאזן. אזוי איז אנגעהאנגען אונזער לעבן יעדער מינוט אין די הענט פון השי"ת, אויב איין מינוט שענקט ער נישט אונז די חיות, ווערן מיר אויפן ארט פוסט און וויסט. דאס זאגן מיר: "על חיינו המסורים בידך", און די ידיעה דארף אונז צוברענגען צו יראה און אהבה צוזאמען ('בית הלוי' עה"ת פר' בראשית).

### די צייט פון לויב אדער פון גוט'ס טון

אויף די ווערטער "ערב ובוקר וצהרים" וואס ווערן געזאגט אין די פארזעצונג פון די ברכה ברענגט רבי יהודה בן רבי יקר צוויי דעות: לויט די ערשטע דעה די ווערטער קומען שילדערן די צייט פון לויבן, און וועגן דעם דארף מען זיי באהעפטן צו אנהויב ברכה - "נודה לך ונספר תהלתך... ערב ובוקר וצהרים", ד.מ. אין די דריי תפילות וואס מיר דאווענען אין אט די צייטן. לויט די צווייטע דעה קומט עס שילדערן די צייטן וואס השי"ת טוט מיט אונז די נסים, און לויט דעם איז דאס א פארזעצונג צו וואס מיר זאגן פריער: ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת, ערב ובוקר וצהרים" (פירוש התפילות והברכות ח"א עמ' סא).

דער 'עץ יוסף' ערקלערט אז וועגן דעם רעכנט מען באזונדער די צייטן, כאטש אין דער מינוט האבן מיר דערמאנט: "... וטובותיך שבכל עת", ווייל אין די דריי צייטן לאקערן אונז נאך באזונדערע געפארן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צא ה-ו): "לא תירא מפחד לילה מחץ יעוף יומם; מדבר באופל יהלוך מקטב ישוד צהרים".

### די סגולות פון די ברכה

די בעלי התוספות ('דעת זקנים' עקב י יב) שרייבן: די ברכה הייבט זיך מיט די ווארט "מודים" וואס איז גימטריה מאה, אונז צו לערנען אז דער וואס זאגט די ברכה מיט כוונה און ביקט זיך לויט די הלכה, איז עס גערעכנט ווי ער וואלט מקיים געווען די מצוה פון מאה ברכות.

דער חיד"א ('דבש לפי' מערכת ה אות ז) ברענגט א מאמר פון חכמים אז יעדער וואס לויבט ה' אויף א נס וואס האט אים פאסירט, אין דעם זכות ראטעוועט אים הקב"ה פון א אנדערע צרה. לויט דעם ערקלערט דער 'בני יששכר' (מאמרי כסליו - טבת מאמר ד) פארוואס ענדיגט זיך די ברכה מיט די ווערטער "האל ישועתנו ועזרתנו סלה...", ד.מ. צו זאגן אז אין שכר וואס מיר האבן געלויבט אין די ברכה אויף די ניסים וואס השי"ת טוט מיט אונז, וועלן מיר זוכה זיין אז ער וועט אונז ווייטער העלפן.

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דיין ווערט איז גוט'ס צו טון און נאר פאר דיר איז פאסיג צו לויבן.

## אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

"אִ֣ישׁ כִּֽי־יִדֹּ֨ר נֶ֜דֶר לַֽה' אֽוֹ־הִשָּׁ֤בַע שְׁבֻעָה֙ לֶאְסֹ֤ר אִסָּר֙ עַל־נַפְשׁ֔וֹ לֹ֥א יַחֵ֖ל דְּבָר֑וֹ כְּכָל־הַיֹּצֵ֥א מִפִּ֖יו יַעֲשֶֽׂה" (ל ג)

דער הרמ"ע מפאנו זאגט:

די חכמים (חולין פז א) זאגן אז די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים. אויב מיר וועלן רעכענען אז די ווערד פון יעדע זהוב איז פינף און צוואנציג זוז, און א זוז איז פיר און צוואנציג איסרים, קומט אויס אז אין יעדע זהוב איז דא זעקס הונדערט איסרים [24X25], אויב אזוי, א שכר פון א ברכה וואס איז צען זהובים - איז ווערד זעקס טויזנט איסרים. קומט אויס אז ווען א מענטש איז משלים די חוב פון זאגן 'מאה ברכות' א טאג, איז זיין שכר זעקס הונדערט טויזנט איסרים, און ווייל איין איסר איז גענוג אויף כופר נפש פאר א איד, אזוי ווי עס איז מרומז אין פסוק: "לֶאְסֹר אִסָּר עַל נַפְשׁוֹ", קומט אויס אז דורך זאגן מאה ברכות ברענגט דער מענטש כופר נפש פאר שישים ריבוא [זעקס הונדערט טויזנט] אידישע נפשות.

מאמרי הרמ"ע מפאנו, מאמר צבאות ה', ח"ג אות ד

### מאה ברכות – איז כופר נפש

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### זוכה זיין צו דער שכר פון עשרה זהובים

אין מסכת חולין (פז א) זאגן די חכמים אז די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים. דער ש"ך (חו"מ שפב י) איז מחדש אז די כוונה פון די חכמים איז נאר אויב מען זאגט די ברכה אין געגנווארט פון אנדערע וואס ענטפערן אמן אויף די ברכה, און נישט אויב מען זאגט די ברכה פאר זיך אליינ'ס. לויט דעם האט רבי יעקב כולי מעורר געווען צו זאגן די ברכות השחר דווקא אנטקעגן איינעם וואס וועט ענטפערן אמן, כדי דער מברך זאל זוכה זיין צו פארדינען די ווערד פון צען זהובים אויף יעדע ברכה (ילקוט מעם לועז' משפטים עמ' תשלא).

### די ברכות פון נעכטן און מארגן און פון היינט

דער בארימטער חסיד רבי מרדכי חנא פוקס, האט מקפיד געווען צו הערן יעדן אינדערפרי די ברכות השחר פון זיין רבי בעל 'אהבת ישראל' פון וויזשניץ.

איין טאג איז געלונגען פאר זיין איידעם וואס האט געוואוינט נאנט צום בית המדרש פון רבי'ן, אים באאיינפלוסן, ער זאל אריינקומען צו זיין הויז פארן דאווענען טרינקען א גלאז קאווע ער זאל קומען צו די כוחות. יענעם אינדערפרי ווען ר' מרדכי חנא איז אריין אין בית המדרש האט דער רבי שוין געהאלטן נאך ברכות השחר... ר' מרדכי חנא האט זיך אליינס נישט געקענט מוחל זיין; ער האט זיך געדרייט אהער און אהין מיט א ווייטאג און נישט אויפגעהערט פון זיך צו מוסר'ן אויפן קול: אזא בעל תאוה וואס דו ביזסט! עס האט דיך אויסגעפעלט א קאווע?!

איינער פון זיינע נאנטע וואס האט אים געוואלט בארואיגן האט אים געפרעגט: "וואס האט פאסירט? וואס איז די טומל? איר האט דאך שוין געהערט די ברכות אן קיין צאל, און איר וועט נאך זוכה זיין זיי צו הערן אסאך מאל, בעזרת ה'..."

אבער ר' מרדכי חנא האט זיך נישט צוטון געמאכט פון דעם, ער האט אויפגעהויבן דער האנט מיט א גרינגשעצונג און געזאגט: "וואס רעדסטו?! גערעכט, איך האב געהערט, און בעז"ה אויך ווייטער הערן. אבער וואס איך האב געהערט נעכטן איז געווען וועגן נעכטן, וואס איך וועל מארגן הערן, וועט זיין וועגן מארגן, אבער די ברכות פון היינט האב איך דערלייגט און אויף דעם איז מיין ווייטאג אזוי גרויס" (קדוש ישראל' ח"א עמ' קטז).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

צום ערשט וויל איך אייך דאנקען אויף דעם טייערן גליון מיט אלע אירע וואונדערליכע אפטיילונגען, הצד השוה שבהן אז זיי זענען טייערע און קאלירפולע ווערטער פון חיזוק, אויף זאגן די מאה ברכות און ענטפערן אמן נאך זיי.

די קוועלער פון אמונה וואס עפענען דורך ענקער כח האט א גרויסע השפעה, ענקער הארעוואניע ברענגט שיינע פרוכט, אין יעדער פלאץ איז קענטיג ענקער השפעה אין דער ענין פון ענטפערן אמן צווישן דעם גאנצן ציבור.

אפט ברענגען ענק ווערטער און פאקטן איבער דעם גרויסן כח פון ענטפערן אמן צו עפענען די שערי רחמים. איך האב אייך געוואלט מיטטיילן, אז היינט בשעת'ן זאגן דעם שיר של יום - פון דאנערשטיג, האב איך געטראכט א וואונדערליכער רמז וואס צייגט אויף די מעלה פון ענטפערן אמן.

די ראשי תיבות פון דער פסוק (תהלים פא יא): "הרחב פיך ואמלאהו", איז צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן'. און רש"י אויפן ארט טייטש דער פסוק: "הרחב פיך - בעטן פון מיר אלעס וואס דו גלוסט; ואמלאהו - וואס דו וועסט בעטן וועל איך ערפילן". און מיר וועלן צולייגן אז צו דעם וועט זיכער זוכה זיין דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן בכל כוחו.

מיט הערע און שעצונג

**א.פ.י.**

**אשדוד**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער 'ישמח משה' זי"ע
### כ"ח תמוז תר"א



א געצייכנטע בילד פון 'ישמח משה' ביי א דרשה אין זיין בית המדרש

הרה"ק רבי משה טייטלבוים איז געבוירן געווארן אין פרעמיסלא וואס איז אין גאליציע אין יאר תקי"ט צו זיין פאטער ר' צבי הירש. אין יאר תקמ"ה איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שינאווא. אונטערן איינפלוס פון זיין איידעם דער 'ארי' דבי עילאי' איז ער מיטגעפארן מיט אים צו זיין רבי'ן דער 'חוזה מלובלין', דארט איז ער געווארן זיינ'ס א חסיד.

אין יאר תקס"ח האט מען אים געבעטן צו דינען אלס רב אין אוהעל, אונגארן. דארט האט ער אנגעהויבן פראווען רעביסטעווע און אנגעהויבן פארשפרייטן חסידות אין די געגנטן פון אונגארן און סלאוואקיי. ער איז באקאנט מיט זיינע באזונדערע דרשות, כאטש טייל מאל האט עס געדויערט עטליכע שעה'ן זענען די צוהערער געבליבן צוהערן מיט אפענע אויערן. זיינע פירושים און דרשות על התורה זענען צוזאמגעשטעלט אין זיין ספר 'ישמח משה' וואס איז געדרוקט געווארן אין אסאך אויסגאבעס. די גדולים פון זיין דור האבן אפט געשיקט צו אים שאלות אין הלכה, א טייל פון זיינע תשובות זענען געדרוקט געווארן אין זיין ספר 'השיב משה'.

אגאנץ לעבן האט ער זיך זייער מצער געווען אויף חורבן בית המקדש; נעבן זיין געלעגער איז אלעמאל געווען א שטעקן און שבת'דיגע קליידער, ער זאל שטענדיג זיין גרייט מקבל פנים זיין דעם מלך המשיח ווען ער וועט קומען. ער האט קיינמאל נישט געדארפט צוקומען צו דאקטוירים, אבער נאנט צו זיין פטירה איז ער פלוצים קראנק געווארן און צוריקגעגעבן זיין נשמה צו זיין באשעפער כ"ח תמוז תר"א. מ'האט אים באערדיגט אויפן אלטן בית החיים אין אוהעל.

### אמן בכוונה איז מכפר און הייליגט

אין די 'הנהגות טובות' פון ישמח משה שרייבט ער צוויי מאל די חוב צו ענטפערן אמן מיט כוונה נאך יעדע ברכה: אין סעיף ד' רעכנט ער די מצוה צווישן די זעקס מצוות וואס זענען מסוגל אויף כפרת עוונות, און אין סעיף ה' רעכנט ער נאכאמאל די מצוה צווישן די אכט מצוות וואס הייליגט דעם מענטש.

### מאה ברכות ברענגט צו יראת שמים

דורכן זאגן מאה ברכות איז דער מענטש מקשר זיין נפש און רוח צו הקדוש ברוך הוא און איז זוכה צו יראת ה'. דאס לערנט מען ארויס פון דער פארזעצונג פון דער פסוק וואס אין דעם האבן די חכמים מסמיך געווען זייער תקנה (דברים י יב): "ועתה ישראל מה [מאה] ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה". די ווערטער "כי אם ליראה" קומען נישט ווי א ציווי, נאר די תורה קומט אונז לערנען אז די מעלה פון די מצוה פון 'מאה ברכות' איז אזוי גרויס אז דער וואס איז מקפיד אויף דעם יעדן טאג איז גרינגערהייט זוכה צו יראת ה'. וועגן דעם שטייט אויך אין דער פסוק "מה" און נישט "מאה", כדי צו מרמז זיין אז דורך זאגן מאה ברכות איז דערגרייכן יראת שמים א 'מה בכך', ד.מ. א גרינגע זאך (ישמח משה' עקב)